NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05647

IN GETO

Organizacion de Escuelas Laicas Israelitas

Permanent preservation of this book was made possible
by Harold & Sylvia Richman
in memory of
Samuel & Esther Batlan and Samuel & Mollie Richman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול-ביבליאָטעק
סעריע א   העפט נר. 1

אין געטאָ

★

ארויסגעגעבן פון דער
צווישאָ און שלום עליכם שולן.
בוענאָס איירעס 1947

אינהאַלט:

פון די ארויסגעבער

- א. כבוד געלע לאטע (ליד)

פון ה. לייוויק

- ב. יידל מיטן פידל

פון יעקב גלאטשטיין

- ג. חנה סענעש

פון דוד ברידזשער

- ד. שלוימקע פארטיזאן

פון פרומע שרה

פון די ארויסגעבער

אונטערן נאָמען „שול־ביבליאָטעק" הייבט אָן די צווישא און שלום עליכם שולן ארויסצוגעבן א סעריע ביכעלעך מיט זאמלונגען פון דערציילונגען, מעשיות און לידער פאר די תלמידים פון די יידישע שולן, מיטל־שולן און פאר דער יידישער יוגנט.

די ביכעלעך וועלן ארויסגיין אין פארשיידענע סעריעס און יעדע סעריע וועט פארמאָגן א געוויסע צאָל העפטן מיט דערציילונגען אויף טעמעס פון ענלעכן כאראקטער.

די ערשטע דריי סעריעס, וואָס דערשיינען שוין איצט, זענען: „אין געטאָ", „יידן אין ארגענטינע", און „ארץ ישראל". שפעטער וועלן אונטערקומען אנדערע סעריעס.

דער מאטעריאל, וואָס ווערט געדרוקט אין „שול־ביבליאָטעק", איז א געקליבענער פון די סאמע בעסטע שאפונגען אין דער יידישער ליטעראטור, און יעדער העפט איז צוגעפאסט צו קינדער און יוגנטלעכע לויט זייער עלטער און קענטענישן. צוזאמען וועלן אלע העפטן מיט זיך פאָרשטעלן א מין אנטאלאָגיע פון יידישע שאפונגען פון אמאָל און פון היינט. אין זיי וועלן אריין לידער, דערציילונגען, פאָלקס־מעשיות, לעגענדעס, ביאָגראפיעס און שילדערונגען פון יידישן לעבן.

מיטן ארויסגעבן די „שול־ביבליאָטעק" טרעט צו די צווישא און די שלום עליכם שולן צו אויספילן א וויכטיקן בלויז אין דער יידישער שול און דערציאונגס־ארבעט, דורך אונטערטראָגן די תלמידים פון די יידישע שולן פאסיקן לייען־מאטעריאל, וואָס וועט זיכער געהעריק אויך אויסגענוצט ווערן פון די לערער פון אלע יידישע שולן.

כבוד, געלע לאטע!

פון ה. לייוויק

איך האָב געהאַלטן אין מיין האַנט
א שטיקל געל געוואַנט —
א צעדריבלטן, צעקנייטשטן ווי א שמאַטע,
און ס'האָט מיט קרימעניש און גרויל
זיך דורכגעריסן דורך מיין מויל:
אָט דאָס איז זי — די יידישע, די געלע לאַטע!

און ס'האָט פאַרביי מיין אויג געטאָן א בליץ:
פון צווישן יעדן קנייטש א בלויער שפּיץ —
זעקס בלויע קרומע שפּיצן פונעם מגן־דוד;
און ס'האָט צום האַלדז געטאָן א שלאָג,
אַזוי ווי א געשטורעץ פון בלוט, א הייסער זאָג:
אָט דאָס איז ער — דער יידישער, דער בלויער כבוד!

און ווי איך האָב מיין אָנגעסט געשטיקט אַזוי —
האָט איבער מיר געיאָגט זיך א געשריי —

און ווי א שטורעם־ווינט א וואָרף געטאָן מיך נידער;
און נאָך דעם, דורך דער גאנצער נאכט ביז פרי,
געשפּירט האָב איך אויף מיינע הענט א ברי,
ווי כ'וואָלט זיך צוגערירט צו ליב, צו גלידער.

א כבוד, וואָס די שפּיצן זענען קרום;
א כבוד, וואָס די קנייטשן כאפּן ארום
די אָרעמס און די פּלייצעס די האָרבאטע!
א כבוד אָנגעזאפּטער ווי א שוואָם
מיט חורבן, קדוש־השם און מיט פּאָגראָם, —
שפּרייט אום דיין ליבשאפט אויף דער געלער לאטע!

יעקב גלאַטשטיין

יידל מיטן פידל

(דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ)

1.

אַז ער איז נאָך געווען גאָר אַ קליין יינגל, האָט ער אַמאָל געהערט ווי אַ קאַליקע האָט געזונגען אויפן הויף — יידל מיטן פידל, שמערל מיטן באַס". די מאַמע האָט גענומען אַ גראָשן און אים איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. דער גראָשן איז געפלויגן ווי אַ פּאַפּירענער פויגל און געפאַלן דעם הויף-זינגער צו די פיס.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך דאָס לידעלע צוגעקלעפּט צו אים און נים אָפּגעלאָזט.

אוי, יידל מיטן פידל,
שמערל מיטן באַס,
שפּילט זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס.

ער האָט געהייסן שמעון, אָבער ווער שמעון, וואָס שמעון, אַז אַלע האָבן אים גערופן יידל. דעם נייעם נאָמען האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם עלטערן ברודער זיינעם גאָדל. גאָדל האָט אים אַ נאָמען געגעבן יידל, ווייל דער קליינער שמעון האָט געהאַלטן אין איין זינגען דאָס לידעלע „יידל מיטן פידל".

די חברים זיינע האָבן זיך לאַנג נים געלאָזט בעטן און זיי האָבן אונטערגעכאַפּט דעם צונאָמען. זיי האָבן אים אויך גערופן יידל. ערשט שפּעטער איז עס אָנגעקומען צו טאַטע-מאַמע און זיי האָבן עס אים פאַרצויגן אויף יידעלע.

— נישט אַנדערש ווי ס'לידעלע איז אים אַריין ווי אַ דיבוק, האָט

די מאַמע געזאָגט און אויף א שפּאַס זיך פארשטאָפּט די אויערן מיט די גראָבע פינגער, ווען שמעון האָט זיך צעיידלט.

שמעון האָט קליינערהייט גערעדט אונטערן צינגל און דאָס לידל „יידל מיטן פידל" איז ארויסגעקומען חנעוודיק און מלא טעם. ס'האָט געקלונגען ווייך, ווי „יידיעל מיטן פידיעל" און די מאַמע האָט אַנגעקוואָלן יעדער מאָל, ווען שמעון־יידל האָט זיך צעגלעקלט אויפן קול מיט זיין „יידיעל".

דער טאַטע איז נעבעך געווען א צעטראָגענער און א נערוועזער פון האַנדל־וואַנדל. אין שטוב האָט ער געוואָלט אָפּרוען דעם קאָפּ פון די מסחרים זיינע.

— גוואַלד, וואָס האַקט ער מיר דעם קאָפּ מיט דעם זמרל זיינס, יידעלע, וועסט אַמאָל אויפהערן מיט דיין לידעלע? דער קאָפּ ווערט דאָך מיר צעשרויפט.

שמעון איז אוודאי געווען א גוט יינגל. ער האָט אַליין געוואָלט פּטור ווערן פון דעם איינגעגעסענעם לידעלע. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז עס ארויסזינגען פון זיך. אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נאָר אַביסל פארטראַכט, האָט ער פּלוצים דערהערט, אַז — אַהאַ ער ברומט שוין ווידער דאָס לידעלע.

ווען ער איז אויסגעוואַקסן א גרויסער בחור, איז ער פאָרט אַביסל פּטור געוואָרן פון לידל, אָבער נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן. ער האָט עס געפּייפט, ער האָט עס געברומט אונטערן נאָז, ער האָט עס געכאָרכלט אין האַלדז און געשווישטשעט צווישן די ציין. און אַז ער האָט זיך פארטראַכט, האָט ער זיך צעזונגען אויפן קול, ווי דעמאָלט ווען ער איז נאָך געווען א קליינער פּיזשיק.

וואָלט זיך דאָך געלייגט אויפן שכל, אַז יידל־שמעון וועט זיך, אין זכות פון דעם איינגעחזרטן לידעלע, נעמען צו א פידעלע, אָבער בענומען האָט ער זיך נאָר צום קלעפּן.

טאָמער האָט ער אַריינגעקראָגן א שטיקל ברויט אין די הענט, אָדער א שטיקל קיט, האָט ער גלייך אויסגעמייסטערט א פויגל, א הינטל, אַן אייזל מיט לאַנגע אויערן, אָדער א קליין מענטשעלע מיט א לאַנגער באָרד. מבינים האָבן גלייך געזאָגט, אַז ס'וואַקסט א כלי,

געצוווּנגענע אויסוואנדערונג פון געטאָ

קינדער אין געטאָ

אז ער האָט געבענטשטע הענט, וואָס מען דאַרף איבער זיי מאַכן א ברכה. שמעון, וואָס האָט נאָך אַלץ ביי זיינע גוטע באַקאַנטע געהייסן יידל, האָט געשמאַק געקלעפּט. און ביים קלעפּן האָט ער נאָך געשמאַקער אונטערגעזונגען.

אוי, יידל מיטן פידל,
שמערל מיטן באַס.

טאַטע-מאַמע האָבן אים געשיקט אין א קונסט-שול. שמעון האָט אַרויסגעוויזן אויסטערלישע פעיקייטן. ער האָט שוין מער ניט באַדאַרפט מאָנדרעווען און קלעפּן פון קיט קייקעלעך ברויט, זייף אָדער גאָר פון וואַקס. איצט האָט ער שוין געאַרבעט מיט גיפּס, ליים און אפילו געהאַקט פון שטיין. דער טאַטע זיינער האָט זיך געוויצלט, אז ער האַקט גאַנצע אָפּגעטער און ער וואַקסט גאָר א פיינער תרח. נאָר הלמאַי ליגן זאָגן, אין האַרצן האָט ער גאַנץ שיין אָנגעקוואָלן, ווייל אַלע האָבן געזאָגט, אז דער קליינער יידל וואַקסט א גרויסער סקולפּטאָר.

און יידל-שמעון פלעגט ביי דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט אונטערברומען.

אוי, יעוודל מיטן פיעוודל,
שמע-עוורל מיטן באַ-אווס.

דערהויפּט האָט ער געברומט ווי א לייב, ווען ער איז אָפּגעגאַנגען הינטערוויילעכץ עטלעכע טריט, פאַרזשמורעט אַן אייגל און פון וויטנס שטודירט זיין אייגענע מלאכה.

אוי, יעוודל מיטן פיעוודל.

— יידעלע, אפשר וואָלסטו פּאַרט אַמאָל פּטור געוואָרן פון דעם דיבוקעוואַטן לידל דיינס? האָט אים דער טאַטע געפּרעגט.

— אַזא בחור ווי איך טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף איין מלאכה, האָט יידל-שמעון, וואָס איז שוין געווען א בחור פון א יאָר זעכצן, געלעצעוועט. טאָמער גייט מיר ניט מיטן קלעפּן און איך ווער א קאַליקע א סקולפּטאָר, קען איך מיט מיין לידל צו יעדער צייט ווערן א קאַליקע א הויף-זינגער.

און ער האָט געזונגען מיט ברען —
אוי, יעוודל מיטן פיעוודל.

דער טאטע איז אלץ נישט אָפגעשטאנען און זיך גענומען אמפערן מיט אים, אַז ער זאָל פונדעסטוועגן זיך אויסלערנען כאָטש נאָך איין לידל, ווייל מיט אזא ארימען רעפּערטואַר וועט ער קיין גרויסע גליקן ניט מאכן אפילו אויף די הויפן.

— לערן זיך כאָטש אוים „א טליתל", אָדער „א בריוועלע דער מאמען".

— פרעג איך דיך, טאטע, איז עס פאר מיין שטומפּיקן קאָפּ אויף די עלטערע יאָרן צו נעמען זיך לערנען א ניי לידעלע? מיט דעם אלטן לידל גליטש איך זיך ווי אויף פּוטער און ס'גייט ווי געשמירט.

דער טאטע האָט געשמאק געלאכט און אויך אונטערגעכאפּט מיט א קול, וואָס איז געקומען ווי פון א קעלער. —

שמעוורל מיטן באַ־אוום,
שפּיוועלט זשע מיר א ליעוודל
אויפן מיטן גאַ־אוום.

.2

אזוי איז זיך אלץ געגאנגען רואיק און פּאמעלעך, ביז דער ערגסטער מערדער פון אלע צייטן איז מיט זיינע מאָרד־מאשינען גע־לאָפן איבער פּוילן מיט דער בליץ־שנעלקייט פון א געשאָסענער קויל.

גאנץ פּוילן איז אין עטלעכע וואכן צייט אריינגעפאלן אין די הענט פון די רוצחים. איבערגעהאקט זענען געוואָרן אלע שיינע האָפענונגען און חלומות פון גראָטענע יידישע קינדער. די מערדער האָבן זיי איבער נאכט געמאכט פאר דערוואקסענע מענטשן און זיי פּנים אל פּנים געשטעלט מיט הונגער, מיט טויט־שרעק, און ניט נאָר מיט טויט־שרעק, נאָר טאקע מיטן טויט.

אלע שולן זענען געשלאָסן געוואָרן און די לערערס זענען פארשיקט געוואָרן, אז מען האָט ניט געוווסט, ווו זייער געביין איז

אהינגעקומען. טאַטעס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן צו אוממענטשלע־כער ארבעט. א סך זענען פון דער ארבעט קיינמאָל נישט צוריקגע־קומען. אויב יעדעס קינד איז געווען א צווייגל פון א פעסטן און שטאַרקן בוים, זענען די אומברענגער אריין אין דעם ווונדערלעכן וואלד און מיט העק געהאַקט די ביימער. אומבאַשיצטע צווייגלעך זענען דערשראָקענע געפלויגן אין אלע זייטן, אָבער די ביימער אליין זענען געווען טויט.

אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט אַזויפיל טויטע, אַז די באַגראָבער האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו באַגראָבן. מען איז גע־שטאָרבן פון הונגער, פון קלעפּיקע קראַנקהייטן, וואָס האָבן ארומגע־כאַפּט גאַנצע געגנטן ווי א פייער. דער מלאך־המות און די נאַצי־בעסטיעס זענען געלאָפן א וועט־לויף און ביידע האָבן געקאָסעט מענטשלעכע לעבנס.

הונגער, טויט־שרעק, צעריסענע משפּחות — ס׳איז נאָך ניט געווען דאָס ע ר ג ס ט ע . די רשעים זענען געזעסן טאָג און נאַכט און אויסגעטראַכט וואָס מער מערדערלעכע שלעכטסקייטן פאַר דער פּוילישער איינוווינערשאַפט, און דריי מאָל אַזויפיל פאַר יידן.

מיטאמאָל האָט מען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אריינ־געקוועטשט אין א געטאָ. אין דעם סאַמע אָרימסטן קוואַרטאַל האָט מען צונויפגעדריקט צענדליקער טויזנטער יידן ווי אין איין טויטן־קאַסטן. איינער האָט געאָטעמט מיט דעם אנדערנס טויט. ס׳איז געווען ענג דערשטיקט צו ווערן. און האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַ שטיקל זון נאָענט צו דער געטאָ, האָט דאָס ביסל ליכט אויס־געזען ווי א הימלישער חוזק איבער אַ שטיקל ערד, וואָס רוצחים האָבן פאַרפינצטערט. סקעלעטן האָבן זיך ארומגעדרייט און גע־וואַרט, אַז פון ערגעץ זאָל קומען הילף, אָבער די גרויסע וועלט, אויף יענער זייט געטאָ־וואַנט, האָט געשוויגן. אויגן האָבן ארויפגעקוקט צו די הימלען, נאָר די הימלען זענען געווען קיזל־שטיין.

די רוצחים זענען אריין אין דער געטאָ און געשלעפּט מענטשן פון די הייזער, און ווער ס׳האָט ארויסגעוויזן דעם מינדסטן ווידער־

שטאנד, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. וווהין האָט מען די אומגליקלעכע געשלעפּט? עס האָבן זיך ארומגעטראָגן וויסטע קלאנגען, אז ניט ווייט פון ווארשע אין פאראן א וואלד, ווו יידן ווערן אויסגעשאכטן.

יידל־שמעון האָט זיך ארומגעדרייט א הונגעריקער איבער די געטאָ־גאסן. ער האָט געהערט די זיפצן און קרעכצן פון אלטע לייט און די הונגער געוויינען פון קליינע קינדער. ער איז געגאנגען און געחלומט, אז ער איז משה און ער האָט געזוכט צו דערשלאָגן דעם ערשטן מצרי. די הענט זיינע זענען נאָך געווען קרעפטיק פון אמאָליקן קלעפּן און שטיין האקן. ווען ער קען נאָר פאקן א האלדז פון א מצרי. דער מאָגן זיינער איז שוין געווען איינגעשרומפּן און גאנץ גלייכגילטיק צום ביסל וואסערדיקן געקעכץ, וואָס ער האָט געקראָגן אין דער אלגעמיינער קיך, נאָר די הענט זיינע זענען געווען דורשטיק און הונגעריק נאָך נקמה.

די מאמע איז געשטאָרבן. דער טאטע איז פארשלעפּט געוואָרן און דער ברודער גאָדל האָט זיך ארונטערגעוואָרפן פון א דאך.

יידל־שמעונס פינגער האָבן געקלעפּט און געפורעמט די לופט. ער האָט דערביי אונטערגעברומט, ווי ער וואָלט געמאכט מייסטער־ווערק.

אוי, יידל מיטן פידל,
שמערל מיטן באָס.

דאָס לידעלע האָט איצט פאר אים געקראָגן א באזונדערן זין. מען האָט ביי יידלען צוגענומען דעם פידל, ביי שמערלען דעם באס, אמאָל האָט יידל געהאט עפּעס אין דער האנט, וואָס ס'איז געווען זיינס. איצט האָט ער ליידיקע הענט. ער קען שוין מער ניט שפּילן קיין לידל אויפן מיטן גאס. ער האָט גאָרנישט ניט, און ווען דער רוצח קומט, מוז ער אים באגעגענען מיט ליידיקע הענט.

און ער האָט הארצרייסנדיק געברומט דאָס לידל און געבענקט נאָך יענער צייט, פון דער אָרימער, גליקלעכער יידישער קאפּעליע,

פארטיזאנער גייען

פון בוך מיטן זעלבן נאָמען פון קאטשערגינסקי

יידישע פארטיזאנער רייסן אויף באן־ליניעס

פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום"

נאָך טאַטע-מאַמע און נאָך זיין ברודער גאָדל, וואָס האָט שוין לענ-
גער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און געמאַכט א סוף צו זיין לעבן.

.3

דאָס העכסטע הויז אין דער געטאָ איז געווען א פינף שטאָקיקס.
דאָס הויז האָט געהאַט א קעלער, ווי אַלע קעלערס. יידל-שמעון
האָט גוט געקענט דאָס הויז און נאָך בעסער דעם קאַלטן קעלער.
קליינערהייט, ווען ער איז ארומגעקראָכן אין קעלער, האָט ער זיך
געשראָקן, אַז אָט-אָט און ער וועט איינגעפרוירן ווערן ווי א שטיקל
פיש אויף שבת, און ארום די אויגן וועט ביי אים ציטערן און
גליווערן פיש-יויך.

אָבער דער קעלער איז נאָך געווען א גאָרניט אקעגן דעם
אמתן קעלער, וואָס יידל אליין האָט אמאָל קליינערהייט אנטדעקט.

אין קעלער איז זיך אין א זייט געלעגן א שטיק פאַרזשאַווערט
אייזן, וואָס האָט אויסגעזען ווי א גרויסע פאַרזשאַווערטע שטאַרץ
פון א טאָפּ. דאָס שטיקל אייזן איז געלעגן, ווי עס וואָלט זיך גלאַט
אזוי געוואַלגערט. גאַנץ צופעליק האָט ער די „שטאַרץ" א שאַר
געטון מיטן פוס און ווען דאָס שטיקל אייזן האָט זיך אוועקגעקייקלט,
האָט ער פּלוצים דערזען צעבראָכענע און צעפוילטע טרעפּ.

יידל האָט צוזאַמען מיט עטלעכע חברים זיינע זיך גלייך
אוועקגעלאָזט אויף דער אונטערערדישער עקספּעדיציע און דאָרט,
אונטער די טרעפּ, האָט זיך ערשט פאַר זיי געעפנט א נייע וועלט.
דער אונטערשטער קעלער איז געווען אזוינס, וועגן וואָס מען לייענט
בלויז אין מעשה-ביכער.

פון די אַלטע ווענט איז גערונען א פייכטקייט, כסדר גערונען
ווי א שוויס. איבער די ווענט זענען געהאַנגען פאַרזשאַווערטע
שווערדן, הערבן, קיווערס. יידל האָט געמיינט, אַז דאָס איז א הייל
פון רויבערס. אָבער דערוואַקסענע, וואָס האָבן זיך אויך פאַראינטע-
רעסירט מיט דעם קעלער, האָבן גלייך פעסטגעשטעלט, אַז דאָ האָבן
זיך, אַזש אין 1830, באַהאַלטן פּאָווסטאַנטשיקעס. אין דעם קעלער

האָבן די פּוילישע פירער פון אויפשטאנד קעגן די רוסן באהאלטן געווער און מסתמא געפּלאנט די סטראטעגישע צוגן קעגן דעם שונא.

דער אונטערשטער קעלער האָט זיך געצויגן און געצויגן דורך קליינע שמאָלע וועגן און ענגע קאָרידאָרן, וווּ בלויז איין מענטש האָט זיך בלויז געקענט דורכשטופּן. מען איז אזוי געגאנגען און געבלאָנדזשעט אונטער דער ערד, אז מען האָט געמיינט, מען ווערט פארפאלן אויף אייביק, ביז מען איז ווידער אמאָל צוגעקומען צו טרעפּ. אָבער די טרעפּ האָבן שוין מער ניט געפירט ארונטער, נאָר ארויף. אז מען איז אָרויף אויף די טרעפּ, איז מען אויסגעקומען אונטער א הויז, אין איינער פון די שענסטע און רייכסטע ווארשעווער גאסן.

דאָס הויכע הויז אין דער געטאָ איז איצט ווידער באלעבט געוואָרן מיט דעם גייסט פון אויפשטאנד. דאָ האָבן געוווינט די באוווּסט־זיניקע פירער פון דער געטאָ, דאָ האָבן זיך אויסבאהאלטן אזעלכע, וואָס האָבן אָפּגעראמט פון וועג געפערלעכע נאצי־הינט, דאָ האָט זיך אפילו געדרוקט א קליין אונטער־ערדיש פוילישע־יידיש צייטונגל, וואָס האָט מיט די לעצטע כוחות געשריגן צו דער וועלט: „ראטע־וועט"; דאָ זענען אויך העקטאָגראפירט געוואָרן יידישע צירקולאַרן און פלוגבלעטלעך מיט פאראָרדענונגען צו ברידער יידן.

דורך דעם געהיימען „פּאָוּסטאָניע־קעלער" האָט מען געפירט פארהאנדלונגען מיט דער אונטערערדישער באוועגונג פון די פּאָ־ליאַקן. דער רוצח האָט נישט געוווּסט וועגן דער באהאלטענער טיר, דורך וועלכער א ייד האָט זיך געקענט ארויסרייסן פון דער געטאָ.

דורך דעם קעלער האָט מען אריינגעשמוגלט מילך, וואָס איז צעטיילט געוואָרן צווישן פארשמאכטע קינדער, וואָס האָבן גאנצע נעכט געריסן די אימהדיקע שטילקייט פון דער געטאָ מיט א יללהדיקן געשריי: — מאמע, איך בין הונגעריק.

יידל־שמעון איז געווען דער שליח פון דער געטאָ. דורך דער אונטערערדישער הייל האָט ער געפירט שיפרירטע פּאָסט צו די־

פוילישע פירער. יידלען האָט מען אָנפּאַרטרויט אַזעלכע שליחותן. מען האָט געוווּסט, אַז מען קען זיך אויף יידלען מיט זיין ברומענדיק לידעלע פאַרלאָזן. ווען ער האָט געשפּאַנט איינער אַליין אין דעם אונטערשטן קעלער און האָט געפירט אויף צו פאַרשפּרייטן דעם פרישן נומער פון דעם געטאָ-צייטונגל, האָט ער זיין לידל געברומט פריילעכער. ער האָט געפילט, אַז ער גייט ניט מיט ליידיקע און הילפלאָזע הענט. דערהויפּט ווען ער האָט פון דער אַנדערער זייט צוריקגעפירט געווער, האָט ער אוודאי געפילט, אַז „יידל מיטן פידל, שמערל מיטן באַס" איז אַ גרויסאַרטיק לידל.

יידל האָט זיך פּאַקטיש אַליין אויסגעקליבן פאַר דעם שליח. גאָר וויכטיקע פירער האָבן געוווּסט, אַז דער בחור האָט שוין אוועק־געלייגט געזונג נאַצים. ער פלעגט זיך ביינאַכט אַרויסגנבענען פון דער געטאָ און טאָמער האָט ער געפּאַקט אַ נאַצי-וועכטער אויף אַ שטילער און פאַרוואָרפענער גאַס, האָט ער גלייך פאַרפעטליעט זיינע הענט אַרום דעם טריפהנעם נאַצי-האַלדז — און יענער איז שוין ניט אַרויס קיין לעבעדיקער.

— יידל, דאָס איז געפערלעכע אַרבעט — האָט מען אים געוואָרנט.

— געפערלעך ווי געפערלעך, אָבער ס'איז אָנגענעמע אַרבעט — האָט יידל געענטפערט, און ער האָט געמאַכט אַ פּויסט — ס'איז יידל מיטן פידל און ער האָט געלייגט דעם גאַנצן טראָפּן אויף „מיטן".

און פון דעם אונטערערדישן קעלער איז אַרויס דער סיגנאַל פאַר דעם וווּנדערלעכן אויפשטאַנד אין דער געטאָ. די מוראַדיקע אָבער געבענטשטע נעכט, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל פאַרוואַנדלט די געטאָ אין אַ שלאַכט-פעלד פון יידישע סאָלדאַטן, און ניט פון יידישע קרבנות וואָס ברענען און בראָטן זיך אין אַ גיהנום, האָבן מיט גרינע, רויטע און בלויע פייערן געבענטשט, געקנאַלט און אויפגעריסן אַרום דעם פינף שטאָקיקן הויז וואָס איז געוואָרן די הויפּט-קוואַרטיר פון דעם געטאָ אויפשטאַנד.

דאָס הויז איז געוואָרן א פעסטונג. פון אלע פענצטער האָבן געשאָסן מאשין־ביקסן, ראַט־טאַטא, ראַט־טאַטא. פון אלע פענצטער האָט מען געוואָרפן האנט־גראנאטן, יעדער צוטריט צום הויז האָט געמיינט טויט. רא־טא־טא האָבן גערבילט די מאשין־ביקסן קעגן דעם פיינט.

יידל־שמעון האָט געארבעט טאָג און נאכט. ער איז אוועקגע־פאלן ביי א פענצטער און געכאפט א קליין דרימעלע בלויז אויף צו קרעפטיקן דעם קאָפּ און זיכערן די הענט. און גלייך האָט ער זיך אויפגעכאפּט פון דעם ראַט־טאַטא ארום אים.

באָמבעס האָבן געקראכט פון אויבן, צום הויז זענען צוגעטראָטן הונדערטער נאצים און זענען צוריקגעשטויסן געוואָרן. די פעסטונג האָט געשפּיגן מיט פייער...

און אין דעם מוראדיקן געקראך האָט יידל העכער און קלינגענ־דיקער געזונגען:

יידל מיטן פידל,
שמערל מיטן באַס.

איצט האָט ער ניט נאָר געזונגען נאָר געשריגן. ס'איז געוואָרן זיין קאמף־געשריי. א ייד וואָס שליידערט א האנט־גראנאט איז א יידל מיט א פידל, א ייד וואָס קערעוועט א מאשין־ביקס, וואָס צילע־וועט און טרעפט, איז שמערל מיט א באַס.

אוי יידל מיטן פידל,
שמערל מיטן באַס,
שפּילט זשע מיר א לידל
אויפן מיטן גאַס.

אין מיטן פלאקערדיקן גיהנום האָבן די זינלאָזע ווערטער געקראָגן א כוח. אלע קעמפער אין דער הויפּט־קווארטיר האָבן מיטגעזונגען.

דאָס איז געווען איצט די איינציק־פארבליבענע פעסטונג אין

דער געטאָ, וואָס דער שונא האָט נאָך ניט געהאט אויסגעברענט. דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך נאָך די הויפט־קווארטיר געהאלטן. שטאָק נאָך שטאָק האָט דער חיהשער שונא געמוזט נעמען, און אויף יעדער שטאָק האָט ער באצאָלט מיט זיין הינטיש בלוט.

יידל־שמעון האָט געשאָסן פון אויבערשטן גאָרן און געזונגען: „יידל מיטן פידל” אזוי לאנג, ביז ער האָט מיטאמאָל דערהערט, אז ער זינגט שוין איינער אליין. ס'איז ארום שטיל געוואָרן. ער האָט דערפילט, אז די גרויסע פרייד פון האָפענונגסלאָזן אויפשטאנד איז אריבער. דער יום־טוב פון ווערן זיך מיט די הענט איז אוועק. דעם לעצטן גראנאט האָט ער נאָר וואָס געווארפן און די מאשין־ביקס האָט שוין מער ניט געהאט קיין קוילן, דער זאפאס פון אונטן איז מער ניט ארויפגעקומען. ער האָט דערהערט שווערע שטיוולדיקע טריט, דערזען אַן אָנגעגאָסן און צופרידן מערדערלעך פנים.

יידל האָט נאָך אלץ געזונגען „יידל מיטן פידל”, ווען ער האָט פארמאכט די אויגן און געשפרונגען פון פענצטער.

ער איז געפלויגן ווי א פאפירענער פויגל, ווי א לעצטער גראָשן וואָס די מאמע האָט איינגעוויקלט אין א שטיקל פאפיר, און געזונגען דאָס לידל פון דעם הויף־זינגער, וואָס ער האָט געהערט קינדווייז, און וואָס האָט זיך אים ארייַנגעזונגען אין די ביינער אויף אייביק.

דוד ברידזשער

חנה סענעש

(אן אמתע מעשה)

א.

ס'האָט געהערשט א שווערע שטילקייט אין דער נאצישער טורמע פון בודאפעסט. דער לאנגער קאָרידאָר, וואָס האָט אָפּגעטיילט צוויי שורות פון טורמע-צעלן, איז געווען פינצטער. בלויז א בלייכע שיין איז געקומען פון די קליינינקע פענצטערלעך וואָס אין די טירן פון די צעלן. דאָ און דאָרט האָבן זיך באוויזן ביי די פענצטערלעך אויסגעצערטע פנימער פון ארעסטאנטן, וואָס האָבן מיט פיבערדיקע אויגן געקוקט צו די פענצטערלעך פון דער צווייטער זייט קאָרידאָר.

מיט א מאָל איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פון א געשריי פול מיט פרייד און דערשטוינונג:

— זעט נאָר! זעט נאָר!

ס'האָבן זיך באלד באוויזן עטלעכע צונויפגעדריקטע פנימער ביים פענצטערל פון דער צעל, פון וואנען דאָס געשריי איז געקומען. עס האָבן זיך באלד געהערט אויסרופן:

— זעט! זעט! אותיות!

— פאפירענע אותיות!

— יידישע אותיות!

אויפן קעגנאיבערדיקן פענצטערל זענען איינציקווייז דערשינען גרויסע יידישע אותיות, אויסגעשניטן פון ציטונגס-פאפיר. די ארעסטאנטן האָבן איינגעהאלטן דעם אָטעם און געפּרוווט לייענען די ווערטער, וואָס די אותיות האָבן צונויפגעשטעלט. א ווײלע זענען אלע געווען שטיל. די זעלביקע אותיות האָבן זיך ווידער אמאָל

באוויזן אין דער זעלביקער אָרדענונג. מיט א מאָל האָט איינער פון די ארעסטאַנטן אויסגערופן:

— חנה סענעש! חנה סענעש! חברטע חנה סענעש!

ערשט איצט האָבן די ארעסטאַנטן באמערקט, אז די איבער-געחזרטע אותיות אויפן פענצטערל האָבן צונויפגעשטעלט די ווערטער „חנה סענעש". די אותיות זענען פארשוואונדן און ביים פענצטערל האָט זיך באוויזן דאָס פנים פון א יונג יידיש מיידל מיט שווארצע קלוגע אויגן, וואָס האָט שמייכלענדיק געקוקט אויף די נייגעריקע פנימער פון די ארעסטאַנטן.

באלד האָבן שוין די יידישע און ניט יידישע ארעסטאַנטן גע-וווּסט, ווער חנה סענעש איז. דער יונגערמאַן, וואָס האָט דער ערשטער איבערגעלייענט איר נאָמען, האָט מיט א ציטער אין קול דערציילט, אז חנה סענעש האָט זיך צוזאמען מיט אים און אן אנדער גרופע יידישע פאראשוטיסטן פון ארץ-ישראל אראָפּגעלאָזט איבער יוגאָסלאַוויע, און מיט דער הילף פון די פארטיזאַנען האָט זי זיך אריינגעגנבעט קיין בודאפעסט, איר געבורטסשטאָט, ארויסצו-ראַטעווען פון די נאצישע נעגל די אונגארישע יוגנט. ער האָט אויך דערציילט, אז ווען די חברים פון ארץ ישראל זענען אריבער די אונגארישע גרענעץ, האָבן זיי זיך געשיידט און אוועקגעלאָזט אויף פארשידענע וועגן: אויב א טייל וועט געכאַפּט ווערן פון די נאצים, וועט אפשר די אנדערע געלינגען צו טאָן דאָס, נאָך וואָס זיי זענען געקומען.

דער חבר פון ארץ ישראל האָט לאנג דערציילט וועגן דער מוטיקער און ליבער חנה סענעש. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער שטיל, ווי פאר זיך, געזאָגט:

— און איך האָב געגלייבט, אז זי וועט זיך ארויסדרייען פון די נאצישע הענט; כ'האָב אין הארצן געהאָפט, אז זי וועט קענען אויספירן איר שליחות — און אָט איז זי אין דער זעלביקער טורמע וואָס איך....

די ארעסטאַנטן האָבן דעם גאנצן טאָג גערעדט מיט חנה

מענעשן מיט דער הילף פון אירע פאפירענע אותיות. זי האָט אלעמען געגעבן מוט; זי האָט זיי דערציילט פון ארץ ישראל; זי האָט זיי געטרייסט, אז אין גיכן וועט קומען דער סוף פון די נאצים, אז דאָס פאָלק ישראל וועט ווייטער לעבן און בויען זיך א היים אין ארץ ישראל.

יענעם טאָג זענען די ארעסטאנטן שוין ניט געווען אזוי דערשלאָגן. זיי האָבן זיך געפילט געשטארקט פון די „פאפירענע" רייד פון דער יונגער יידישער טאָכטער. ווען דער אָוונט איז צוגעפאלן, האָט זיך איבער אלע צעלן פון דער טורמע צעטראָגן דאָס מוטיקע ליד פון די ארץ־ישראל פיאָנערן:

„ווער וועט בויען דעם גליל ?
מיר וועלן בויען דעם גליל !"

ב.

דאָס איז געווען חנה סענעשעס ערשטע נאכט אין דער נאצישער טורמע. מאָרגן אינדערפרי וועט זי זיך דארפן שטעלן פארן געריכט. זי איז אָבער ניט געווען דערשלאָגן. ווען זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט מיטן פאראשוט איבער יוגאָסלאוויע, ווען זי איז אריבער די אונגאַרישע גרענעץ, איז זי געווען גרייט אויף אלץ...

יאָ, זי וואָלט אפשר אויף א קורצער צייט געקענט אויסמיידן די נאצים און נישט אריינפאלן צו זיי אין די הענט, אָבער זי האָט דאָך געמוזט זען איר מוטער אין בודאפעסט. צוליב דעם איז זי דאָך געקומען צוריק קיין אונגאַרן! צו ראטעווען איר מוטער, אירע פריינט און די אלע וואָס דער טויט לויערט אויף זיי יעדע מינוט פון יעדן טאָג.

דריי יאָר האָט זי שוין איר מוטער ניט געזען. ווען זי איז אלט געוואָרן אכצן יאָר, איז זי אוועק קיין ארץ־ישראל אָנצוהייבן א ניי לעבן — א לעבן פון ארבעט, פון געזאנג און פון האָפענונג.

ווי ליב איז איר געוואָרן די ערד פון ארץ ישראל! ווי ליכטיק די זון האָט דאָרט פאר איר געשיינט! אין דעם קיבוץ פון שדות־ים (סדוים־יאם), ווו זי האָט געארבעט, האָבן אלע זי ליב באקומען, אלע

אויסזען פון געטאָ, פאַרצאַמט מיט דראָט

האָבן זי באַוווּנדערט. אַזאַ צאַרט, יונג מײדל זאָל מיט אַזױפיל ליבשאַפט, מיט אַזױפיל פרײד טאָן די שווערסטע אַרבעטן! יאָ, די אײדעלע, געפּיעשטשעטע בת-יחידה האָט געוואָלט אָנהײבן פון די שווערסטע אַרבעטן. טאָג אײן, טאָג אױס האָט זי געוואַשן די וועש פונעם קיבוץ. דער רוקן האָט איר געבראָכן, אירע הענט זענען געשוואָלן געוואָרן, אָבער זי האָט קײנמאָל ניט אױפגעהערט צו זינגען די לידער פון קיבוץ; קײנמאָל האָט זיך קײן שאָטן אױף איר פּנים ניט באַוויזן, ביז... ביז די שרעקלעכע נײעס איז געקומען, אַז די נאַציס האַלטן בײם פאַרכאַפּן אונגאַרן!

חנה סענעש האָט געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט די ייִדן פון אונגאַרן:

— מען דאַרף ראַטעווען אונדזערע ברידער און שוועסטער, אײדער ס׳וועט צו שפּעט! — האָט זי מיט געוויין אין קול גערעדט בײ אַ חברים-פאַרזאַמלונג.

אירע רײד האָבן געווירקט. עס האָט זיך אין קיבוץ געפונען אַ גרופּע וואָלונטירן. חנה איז, פאַרשטײט זיך, געווען אײנע פון זײ. די גרופּע האָט אױף מאָרגן געדאַרפט אַוועק זיך אָנשליסן אין דער פאַראַשוטיסטן אָפּטײלונג פון ענגלישן מיליטער, זיך צוצוגרײטן פאַר דער מיסיע פון פאַרטיזאַנען-קעמפערס.

די נאַכט פאַרן אָפּפאָרן פון קיבוץ האָט חנה סענעש ממש גע-פיבערט פון אומרו און דערוואַרטונג. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי געזעסן און געשריבן צו איר מוטער. צו איר ברודער און צו אירע פרײנט און זײ געגעבן האָפענונג, אַז אַלץ וועט זײן גוט.

ווען אין קיבוץ איז שױן אױסגעלאָשן געוואָרן דאָס לעצטע ליכט, איז נאָך חנה געזעסן אין איר צימערל און געבלעטערט דעם העפט מיט אירע לידער. אַ פאַרטראַכטע, האָט זי גענומען די פעדער און אױפן לעצטן זײטל פון העפט האָט זי מיט גרױסע, שײנע ייִדישע אותיות אָנגעשריבן אַן אָפּשײדס-ליד, אַ נײ העברעיִש ליד פון עטלעכע שורות:

ווײַל איז דעם שוועבעלע,
וואָס איז פארברענט געוואָרן און האָט אָנגעצונדן
פלאַמען:
ווײַל איז דעם פלאַם,
וואָס האָט געפלאַקערט אין די פארבאָרגענישן
פון הערצער;
ווײַל איז די הערצער
וואָס האָבן העלדיש אויפגעהערט צו קלאַפּן —
ווײַל איז דעם שוועבעלע,
וואָס איז פארברענט געוואָרן און האָט אָנגעצונדן
פלאַמען...

ג.

— חנה סענעש!

דער פעטער דייטשישער קאָמאנדיר, וואָס האָט ביים מיליטער־רישן געריכט אויסגערופן דעם נאָמען מיט א הייזעריקער שטים, האָט מיט בייזע אויגן דורכגענומען די יידישע טאָכטער, וואָס איז געשטאנען פאר אים א בלאסע אָבער א געלאסענע.

— חנה סענעש! — האָט ער ווידער געדונערט און נאָכאמאָל באטראכט דאָס שטאָלצע מיידל אין דעם בריטישן אָפיצירן־אוניפאָרם.

חנה איז געשטאנען פאר אים א שלאנקע מיט א געהויבענעם קאָפּ.

— חנה סענעש! — האָט דער קאָמאנדיר געבליצט מיט זיינע רוצחישע אויגן — ביסט זיך מודה, אז געהערסט צו א פארטיזאנען גרופּע? ביסט זיך מודה, אז דו האָסט שפּיאָנירט פאר אונזער שונא? ביסט זיך מודה, אז דו האָסט אויף אונטערערדישע וועגן ארויסגעשמוגלט יידישע פארפאלגטע פון דעם דייטשישן רייך?

— יאָ! — האָט חנה קורץ געענטפערט מיט א פעסטער שטים, און געקוקט דעם קאָמאנדיר גלייך אין די אויגן אריין.

דער קאָמאנדיר האָט זיך אויפגעשטעלט:

— ווייסטו וואָס פאר א שטראָף עס קומט דיר פאר אזעלכע פארברעכנס?

— איך וויים — האָט חנה א רואיקע געענטפערט — איך וויים וואָס פאר א שטראָף עס האָבן ביי אייך באקומען מיליאָנען אומ־שולדיקע מענטשן!

— יידישע חוצפה! — האָט דער קאָמאנדיר פארקרימט דאָס פנים מיט א העסלעכן שמייכל — ביסטו גרייט, הייסט עס, צו שטארבן? ! דאָס דייטשישע געריכט קאָן אָבער מילד זיין צו דיר!... דו דארפסט אונז בלויז ארויסגעבן די נעמען פון דיינע חברים פארטיזאנען...

— כא־כא־כא — האָט חנה ניט געקאָנט איינהאלטן דעם שטראָם פון איר יונגטלעכן געלעכטער — כא־כא־כא! כ׳וויים, אז איר זייט די ערגסטע בעסטיעס, כ׳האָב אָבער ניט געוווּסט, אז איר זייט אזעלכע אידיאָטן!

א פלאמיקער פאטש האָט אָפגעהילכט אין דעם פארדרייכערטן זאל פון מיליטערישן געריכט. דער קאָמאנדיר האָט מיט א ווילד קול געדעוועט:

— פירט ארויס די פארשאָלטענע יידישקע! !

חנה האָט מיט א טיכעלע אָפגעווישט דאָס בלוט, וואָס האָט זיך באוויזן ביים ווינקל פון איר מויל. א רואיקע האָט זי זיך געלאָזט ארויספירן פון צוויי שטורעם־טרופּערס.

ד.

— ווער ביסטו? — האָט דער טורמע וועכטער געפרעגט ביי א מיטליאָריקער פרוי, וואָס איז פאר דער צייט גרוי געוואָרן.

— איך בין א מוטער... חנה סענעשעס מוטער... געקומען זי זען...

— האָסטו א דערלויבעניש?

חנהס מוטער האָט מיט ציטערנדיקע הענט צעעפנט א קליין פאפירל. דער וועכטער האָט א קוק געטאָן אין פאפירל און אויסגעברומט:

— קום! בלויז צען מינוט קענסטו זיין מיט איר!

ווען חנה האָט דערזען איר מוטער, האָט זי מיט אלע כוחות צוריק־געהאלטן די טרערן, וואָס האָבן זי געשטיקט אין האלדז. די מוטער האָט מיט אירע שוואכע הענט געדריקט צו זיך חנהן און אן אויפהער איבערגעחזרט:

— מיין טעכטערל... מיין קינד... מיין אומגליקלעך קינד...

חנה האָט געקושט דער מוטערס פארגעלט פנים און זי געטרייסט:

— מאמעניו, זאָרג ניט! אלץ וועט נאָך זיין גוט! דו זעסט, איך לעב דאָך!

די מוטער האָט אויסגעווישט די אויגן און מיט א שמייכל געזאָגט:

— חנהלע, כ׳האָב דיר געבראכט, וואָס דו האָסט פארלאנגט. כ׳בין אויסגעגאנגען די גאנצע שטאָט, ביז כ׳האָב עס געקראָגן...

פון אונטערן שאל האָט די מוטער אפירגענומען א קליין, דיק ספרל.

— א תנ״כל... די ביבל! — האָט חנה געדריקט צו הארצן דאָס קליינע ספרל. — א דאנק! כ׳וועל איצטער ניט זיין אליין!

די טיר פון חנהס צעל האָט זיך געעפנט און דער וועכטער האָט א פארשלאָפענער געמורמלט:

— שוין אריבער די צייט!

מאמע און טאָכטער האָבן זיך שטום ארומגענומען. ווען די טיר האָט זיך צוגעמאכט, האָט חנה נאָכגעקוקט דורכן פענצטערל דער ארויסגייענדיקער מאמען, וואָס האָט ווי א שאָטן זיך באוועגט איבערן טונקעלן קאָרידאָר. זי איז נאָך א לאנגע צייט געשטאנען א פארגליווערטע ביים פענצטערל פון דער צעל. שווערע טריט אין קאָרידאָר האָבן זי אויפגעוועקט. ווען דער נאצישער קאָמאנדיר איז

א יידישע משפחה אין געטאָ
פון ארטור שיק (רעפּראָדוקציע)

אריין צו איר אין צעל, האָט זי זיך א רואיקע אוועקגעזעצט אויפן בעטל.

— שטעל זיך אויף! — האָט דער קאָמאנדיר באפוילן.

חנה האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואַרט.

— כ׳בין געקומען דיר איבערגעבן דעם אורטייל פון מיליטערישן געריכט!

— כ׳ווייס וואָס דער אורטייל איז — האָט חנה שטיל געזאָגט.

— ביסט פאראורטיילט צום טויט דורך שיסן! מען וועט דיך אריבערפירן אין צעל נומער דרייצן, דאָרט ווו אלע פאראורטיילטע צום טויט ווערן געהאלטן. מאָרגן אינדערפרי, 10 אזייגער, וועט מען אויספירן דעם אורטייל.

חנה האָט איין אויגנבליק זיך א וואקל געטאָן.

— דאָס געזעץ דערלויבט דיר צו בעטן, מען זאָל דיר פאר־לייכטערן די שטראָף... קענסט עס נאָך היינט טאָן!

— דאָס געזעץ דערלויבט מיר אויך אן אנדער משפט. איך וויל אפּעלירן צו א געריכט מיט אָרנטלעכע ריכטער...

— קענסט ניט אַפּעלירן צו אַן אַנדער געריכט! קענסט בלויז בעטן, מען זאָל דיר געבן א לייכטערע שטראָף... מען דערלויבט דיר צו מאַכן דיין לעצטן ווונטש...

חנה האָט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן געפילט האַס אין הארצן. צום ערשטן מאָל האָט זי גערעדט מיט אזויפיל פאראכטונג:

— כ׳וועל ביי מערדערס קיין רחמנות ניט בעטן! כ׳וועל ביי רוצחים פון קליינע קינדער און אלטע פרויען ניט זוכן קיין גע־רעכטיקייט!

— טאָ גרייט זיך צו — האָט דער קאָמאנדיר אַ גלייכגילטיקער געזאָגט — מאָרגן אינדערפרי, צען אזייגער.

ה.

אין צעל נומער דרייצן האָט געברענט א קליין עלעקטריש לעמפּל. חנה איז געזעסן אויפן בעטל און א פארטראכטע געבלע־

טערט דעם תנ׳ך. זי האָט נישט מער ווי צען שעה צו לעבן, און זי דאַרף נאָך אַזויפיל זאַכן טאָן. אַזויפיל געדאַנקען איבערטראַכטן...

ווען זי האָט פאַרענדיקט דעם אָפּשייד־בריוו צו אירע חברים אין ארץ־ישראל, האָט זי זיך גענומען שרייבן א בריוו צו איר מוטער. א פּאָר הייסע טרערן זענען אַראָפּגעפאַלן אויפן פּאַפּיר און פאַר־פלעקט די לעצטע ווערטער:

„ליבע מאמע. איך האָב ניט קיין מורא צו שטאַרבן... טרויער ניט נאָך מיר... כ׳האָב מיט פרייד געטאָן, וואָס כ׳האָב געמוזט טאָן... די חברים אין ארץ ישראל וועלן זיך זאָרגן פאַר דיר... דו וועסט פאַרנעמען מיין אָרט אין קיבוץ.. וועסט זיין צוזאַמען מיט דיין איינציקן זון, מיט מיין איינציקן ברודער".

... שוין. ניטאָ מער וואָס צו טאָן. מען קאָן שוין מער גאָרניט טאָן. מען קען בלויז טראַכטן. חנה האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אין דער פינצטער איז לייכטער צו טראַכטן. חנה האָט געטראַכט פון איר יונגן לעבן, פון אירע קינדער יאָרן. זי דערמאָנט זיך, ווי זי האָט אויסגעזען אין איר ווייסן קליידעלע, ווען זי איז צוועלף יאָר אַלט געווען... זי איז דעמאָלט אויך געשטאַנען פאַר ריכטער... עס איז פאָרגעקומען א קאָנקורס אין שול... די ריכטער האָבן באַדאַרפט באַשליסן, ווער ס׳האָט אָנגעשריבן די בעסטע קאָמפּאָ־זיציע... זי האָט געקראָגן דעם ערשטן פּריז פאַר אָנשרייבן דאָס שענסטע ליד... ווי גליקלעך איר מוטער איז דעמאָלט געווען! „א שאָד וואָס דיין פאָטער לעבט ניט", האָט די מוטער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, „ער וואָלט געווען אַזוי שטאָלץ מיט דיר!".

חנה איז געווען אַזוי גליקלעך. זי האָט ליב געהאַט די גאַנצע וועלט, און געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט האָט זי ליב. ווי נאַריש זי איז געווען!... די וועלט איז אַזוי שלעכט! חנה האָט זיך דערמאָנט ווי מען האָט אין דער שיינער שטאָט בודאַפּעסט געבראַכן פענצטער פון יידישע הייזער און קראָמען. ניין, האָט חנה באַשלאָסן, עס טויג ניט. ניט גוט אַזוי... יידן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד . . . מען דאַרף

בויען ארץ ישראל... מען דארף ראטעווען דאָס פאָלק... מען דארף...

חנה איז איינגעשלאָפן.

ו.

צען אזייגער אינדערפרי, דעם 7־טן נאָוועמבער 1944. די 23 יאָריקע חנה שטייט אין הויף פון דער טורמע. זי שטייט מיטן רוקן צו א סלופ, צו וועלכן אירע הענט זענען צוגעבונדן. זי זעט פאר זיך א טיש. אויפן טיש א גרויסער צלם. אָט הערט זי א באפעל. צוועלף סאָלדאטן שטעלן פלינק אָן די ביקסן. אן אָפיציר גייט צו איר צו. ער וויל איר פארבינדן די אויגן. חנה שאָקלט מיטן קאָפּ: ניין! זי וויל ניט, מען זאָל עס טאָן. זי קען קוקן דעם טויט אין די אויגן אריין.

זי הערט ווידער א באפעל פון דער זעלביקער הייזעריקער שטים. א שטארקער קנאַל פון ביקסן הילכט אָפּ אין דער לופט... חנה פאלט צו דער ערד.

... ווען מען האָט אראָפּגעצויגן פון איר די קליידער, האָט מען געפונען אין איינער פון די קעשענעס א פארקנייטשט שטיקל פאפיר. אויפן פאפיר איז געווען אָנגעשריבן איר לעצט העברעיש ליד:

שטארבן... יונג... שטארבן... ניין!
כ'האָב דאָס ניט געוואָלט...
כ'האָב ליב געהאט די ווארעמע זון,
דאָס ליכט, דעם פונק פון א פּאָר אויגן,
כ'האָב ניט געוואָלט קיין צעשטערונג,
כ'האָב ניט געוואָלט קיין מלחמה —
ניין, כ'האָב דאָס ניט געוואָלט!

אויפן בית־עולם פון בודאפעסט זענען עטלעכע פרישע קברים ארומגעצוימט מיט א פארקנדל. איבער אָט די קברים הענגט א שילד מיט רויטע אותיות: „דאָס מארטירער־ווינקל”. אויף איין קבר ליגט א פשוטער שטיין, און אויף אים זענען אויסגעקריצט בלויז צוויי ווערטער: „חנה סענעש”.

פרומע שרה

שלוימקע פארטיזאן

ווען ניט די באָבע, וואָלט סיאָמע אפילו נישט געוווסט, אז ער איז אַ יידיש יינגל. די באָבע פלעגט אים איינשלעפערן און צערטלען. גלעטנדיק זיינע קאשטאנע האר, האָט זי אים דערציילט פון אמאָליקע יידישע העלדן. סיאָמע האָט צעעפנט די גרויסע קארע אויגן, אנגעשפיצט די אויערן און געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס די באָבע האָט ארויסגערעדט. די באָבע איז געזעסן אַ שטאָלצע, איר שטים האָט געקלונגען שטארק, העלדיש אין סיאָמעס אויערן. זי האָט אזוי גוט דערציילט, אז יעדער העלד איז געשטאנען ווי אַ לעבע־דיקער פאר סיאָמעס אויגן. אזוי איז סיאָמע אָפט איינגעשלאָפן חלומענדיק וועגן די גרויסע יידישע העלדן, און אזוי האָט סיאָמע געלערנט יידישע געשיכטע. די יידישע העלדן האָבן זיך אים איינגע־קריצט אין מוח.

ביי דער באָבען האָט סיאָמקע געהייסן שלוימקע. שלוימקע האָט די באָבע שטאַרק ליב געהאַט, אפילו מער פאר מאַמע־טאַטע. זיי האָבן ביידע געארבעט, די באָבע איז געווען זיין דערציערין. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט ער וועלטן געזען טאטע־מאמע. דער פאָטער איז געווען אַ קאפיטאן אין דער רויטער ארמיי, די מאמע האָט זיך אנגעשלאָסן אָן די פארטיזאנען.

דערווייל איז זיך שלוימקע געוואקסן. ווי איבער נאכט איז ער אויסגעוואקסן. ער וויל שוין ניט זיין מער קיין קינד. ער איז אַ גרויסער, אַ שטארקער. ער האָט אַ סך געטראַכט פון די יידישע העלדן. „ניין! ניין! איך קען שוין מער קיין קינד ניט זיין", האָט ער געטענהט צו דער באָבען, צו דער מאַמען, בעטנדיק אז ער וויל ווערן אַ פארטיזאן. ער האָט אליין געזען מיט זיינע אייגענע אויגן אין אַ

שטעטל, וואָס די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט ניט ווייט פון זיין היים, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט די יידן, מיט רציחה ווי גזלנים זענען זיי באַפאַלן יידישע הייזער, אַרויסגעיאָגט די יידן ווי מען יאָגט בהמות פון שטאַלן, באָרוועסע, נאַקעטע, אין פּראָסטיקן דרויסן אַרויס. עס האָט אים דאָס האַרץ געריסן. ער איז געשטאַנען אין זיין באַהעלטעניש מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטן, געקריצט מיט די ציין. אָבער ער האָט געוווסט, אַז ער איז מאַכטלאָז. ער קען ניט פאַרגעסן איין בילד: אין איין שטוב איז אַ מאַמע געלעגן אין בעט מיט אַ נאָר וואָס געבוירן קינד, אַ נאַצי האָט די פרוי אַרויסגעשלעפּט פון בעט, זי האָט זיך געוואַקלט, ניט געקענט שטיין אויף די פיס. אַ צווייטער נאַצי מיט ווילדע אויגן האָט מיט זיין לאַפּע אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פאַר די פיסלעך, ווי מען כאַפּט אַ הערינג פאַרן עק, עס געטרייסלט, געדרייט ווי אַ קאַרוסעל, דאָס קינד האָט געיאָמערט, געליאַרעמט, די מאַמע האָט זיך געריסן צום קינד מיט אַ יאָמערלעך געוויין, אַ נאַצי האָט זי צוריקגעהאַלטן אַריינלאַכנדיק איר אין פּנים אַריין, די איבעריקע האָבן געהירזשעט, שטאַרק הנאה געהאַט. אַז זיי האָבן זיך גוט אָנגעלאַכט, האָט דער מערדער אַ שליידער געטאָן דאָס קינד צו דער ערד. די מאַמע האָט זיך מיט אַ האַרצרייסנדיקן קוויטש אַרויסגעריסן פון דעם נאַציס נעגל, צוגעלאָפן צום קינד. דאָס קינד האָט קיין פּיפּס ניט אַרויסגעלאָזט, זיך עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן ווי אין קאָנוווּלסיעס, און איז געבליבן ליגן אָן אָטעם.

די מאַמע האָט אויפגעהערט וויינען, זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן זיך, אַ הויכע, אַ גרויסע, ווי זי וואָלט מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן אַ ריז. אירע אויגן האָבן אויסגעקוקט ווי פייערדיקע פונקען שפּריצן פון זיי. זי האָט גענומען שטעלן פעסטע שטאַרקע טריט, זיך דערנענטערט צו אַ נאַצי, וואָס איז וווילױנגעריש געשטאַנען אָנגעלענט אויף זיין ביקס, קיינער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו זען וואָס זי טוט, אַזוי פלינק האָט זי דאָס געטאָן. מיט דעם כח פון אַ גבור האָט זי אַרויסגעריסן די ביקס פון דעם נאַציס האַנט און האָט אים אויפן אָרט דערשאָסן. איידער די נאַציס האָבן צייט געהאַט

צו שיסן, זענען עטלעכע פון זיי געלעגן מיט אויסגעצויגענע פיס. זי האָט ניט געוואַרט, אז א נאצי קויל זאָל זי טרעפן, זי האָט זיך אליין דערשאָסן.

שלוימקע איז אוועק א שטאָלצער פון באהעלטעניש. דעם גאנצן וועג אהיים האָט ער געטראַכט פון די יידישע העלדן, וואָס די באָבע האָט אים דערציילט וועגן זיי און גערעדט צו זיך אליין. יאָ, יידן האָבן געהאט העלדן און האָבן זיי היינט אויך. שלוימקע האָט מער ניט געקענט זיין קיין קינד, ער האָט יענער מאמעס אויגן ניט געקענט פארגעסן.

שלוימקע איז געוואָרן א פארטיזאן. ער איז געקראָכן אין די גרעסטע געפארן. זיין ארבעט איז געווען אריינגנבענען זיך אין די נאצי־לאגערן, אויסשפּיאָנירן, ברענגען אינפאָרמאציע. געטאָן האָט ער דאָס מיט דער שנעלקייט פון א פויגל. מיט דער קלוגשאפט פון א פוקס, א שפּרונג, א פלי און ניטאָ. אמת, ניט איינמאָל האָבן די נאצים אים שיעור ניט געפּאַקט, זיין לעבן איז כסדר געווען אין געפאר, דערפאר האָט זיך שלוימקע געפילט ווי א העלד, ווי איינער פון יענע העלדן, וואָס די באָבע האָט אים דערציילט וועגן זיי. אלע פארטיזאַנען האָבן שטארק געהאלטן פון אים. זיין מאמע איז געווען זייער שטאָלץ מיט אים, כאָטש זי האָט זיך געשראָקן, וואָס איר קינד קריכט אין די גרעסטע געפארן.

די נאצים האָבן געהערט פון דעם קליינעם שלוימקע. זיי האָבן געשאַרפט די ציין אויף אים. ער האָט זיי אָנגעטאָן א סך צרות. ער האָט אלץ אויסגעפונען. אלץ דערוווּסט זיך. די נאצים האָבן דערפאר א סך געליטן. אך, ווען זיי דערטאפּן אים. אָבער שלוימקען כאפּט מען ניט אזוי גרינג.

איינמאָל האָט זיך שלוימקע שיעור אליין ניט איבערגעגעבן די נאצים אין די הענט אריין. געווען איז דאָס אזוי: שלוימקע האָט לאנג ניט געזען זיין באָבען, און זיך שטארק פארבענקט נאָך איר, ער מוז אָבער זען זיין באָבען. זיין הארץ האָט עפּעס מאָדנע גע־קלאפּט טראכטנדיק פון איר, ווי זי וואָלט געווען אין עפּעס א

געפאַר. ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט: „גיי, שנעל, לויף”. ער האָט זיך גלייך געלאָזט צו דער באָבען, זיין האַרץ האָט אים ניט אָפּגענאַרט, ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צו זיין היים, האָט ער דערהערט דיימשע שטימען, ווילדע געלעכטערס. זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן ווי א פּויק, אין פּנים האָט אים א שלאַג געטאָן א היץ, וואָס האָט אים אָפּגעגאָסן מיט א קאַלטן שווייס.

ער איז א שפּרונג געטאָן צום פענצטער און שיעור ניט אומגע־פאַלן פאַר שרעק. א פולע שטוב מיט נאַצים, און די באָבע איז ניטאָ. „ווו איז די באָבע?” האָט ער שיעור ניט אויסגעשריען. אָבער פאַר שרעק האָט ער ניט געקענט שרייען. באַלד האָט ער דערזען צוויי נאַ־צים, שלעפּנדיק זיין באָבען, איר ווייסער קאָפּ איז אַרונטערגעהאָנגען, אויף איר פאַרבלוטיקט פּנים איז א שמייכל פאַרגליווערט געוואָרן. די נאַצים האָבן זי פאַרמאַטערט צום טויט, זי זאָל אויסזאָגן, ווו די שטוביקע געפינען זיך. זי האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם מיט א שמייכל אויפן פּנים. זי האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט איר געגעבן כוח די גרויסע ווייטיקן אַריבערצוטראָגן. די נאַצים האָבן די באָבע ארויסגעשלעפּט, זי מיט די פיס אַרונטערגעשליידערט פון א באַרג אַרונטער.

שלוימקע האָט געוואָלט צולויפן, ער איז אָבער געבליבן שטיין ווי געליימט, א שווינדלעניש האָט זיינע אויגן פאַרשטעלט. אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך. א געדאַנק האָט א בליץ געטאָן אין זיין מוח, ניט אַזוי וואָלטן געטאָן דער באָבעס יידישע העלדן. שלוימקע האָט זיך געשטאַרקט, שנעל ווי א בליץ אָפּגעשפּרונגען פון אָרט, זיך אויסבאַהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען ער איז אַרויס פון באַהעלטעניש, האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט אַרום, נאָר דאָס קוואַקען פון זשאַבעס, דאָס גרילצן פון גרילן האָט דורכ־געבראָכן די שטילקייט.

שלוימקע האָט זיך געשאַרט צו זיין שטוב. צוויי וועכטער האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום זיין הויז. ער האָט ניט אַרונטערגענומען די אויגן פון די וועכטער, נאָר איין פאַלשן טראָט, נאָר איין פאַלשן

דיר, און ער איז א פארפאלענער. אָבער ווי אזוי גייט מען צו נענ־טער צום הויז, אז די וועכטער דרייען זיך ארום? פון אזא ווייטקייט קען ער דאָך דעם גראנאט ניט ווארפן. שלוימקע האָט אלעמאָל געהאט ביי זיך א גראנאט, טאָמער פאלט ער אריין צו די נאצים.

ווען איך וואלט כאָטש קענען ארויפדראפען זיך אויפן בוים לעבן הויז, האָט שלוימקע געטראכט. ער האָט אלע ווײלע זיך צו־געשארט נענטער צום בוים איינהאלטנדיק דעם אָטעם. ער איז געקראָכן אויפן בויך ווי א שלאנג, ביז ער איז ביסלעכווייז שוין גע־לעגן לעבן דעם בוים, אָבער ווי ער האָט נאָר גענומען קלעטערן אויפן בוים, האָט זיך אָ צווייגל אָ בייג געטאָן מיט אָ קרעכץ, ער האָט זיך אזוי געשראָקן, אז ער איז שיעור פון בוים ניט ארונטערגעפאלן. די וועכטער האָבן דערהערט, האָבן זיי אָנגעשטעלט די ביקסן. שלוימקע איז געבליבן אָן אָטעם. אין דער פינצטער האָבן זיי אים ניט געקענט זען, האָבן די וועכטער געמיינט, אז דער ווינט האָט א בייג געטאָן א צווייגל.

א ווײלע איז שלוימקע געשטאנען אויף זיין אָרט און קיין ריר זיך ניט געטאָן, ער האָט געזען, אז די וועכטער קוקן שוין ניט, האָט ער אָ ווײלע פּאַוואָליע געקלעטערט. אָז ער איז שוין געווען אויפן שפּיץ בוים, האָט ער ארויסגענומען פון גארטל דעם גראנאט, האסטיק א שליידער געטאָן אויפן הויז. עס האָט אויפגעריסן מיט א שטארקן קראך. אלע נאצים צוזאמען מיט די וועכטער זענען פארשאָטן געוואָרן. שלוימקע איז ארונטער פון בוים, צוגעגאנגען צו זיין באָבע און א שטאָלצער געזאָגט:

— באָבע טייערע, באָבע מיינע, דו ביסט געשטאָרבן א העלדין, ווי די יידישע העלדן וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן זיי.

נאָך ביז היינטיקן טאָג איז שלוימקע א פארטיזאן.